# צווישן די ווענט פון קינדערגארטן

נייעס'ן | פרשת לך לך | מעסעדזשעס


בס"ד

## ברוכים הבאים בשם השם

ב"ה די יאר האט זיך אנגעהויבן בכי טוב, אלע קינדער זענען שוין מסודר אין די עלטערע כיתות מיט די נייע מלמדים, די קינדער זעהן אויס ב"ה זייער צופרידן מיר האפן און בעטן השי"ת אז עס זאל זיין א הערכסט געלונגענע און זיס יאר פאר אלע טייערע קינדערלעך.





## עס איז דא נאר איין באשעפער

אין די וואך פרשה לערנען מיר די יסוד וואס מ'לערנט אויס פאר יעדע אידיש קינד אז עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט.

**ווי אזוי האט מען דאס מסביר געווען פאר אונז יונגע קינדער?**

מיר האבן געמאכט א שפיל עס איז נישט געווען אזוי פשוט – קודם איז געווען גרויסע הכנות דערצו – שוין פון אנהייב וואך האבן די מלמדים אויס געוועהלט משה שלמה טווערסקי צו זיין תרח און מענדל טעשער אברם זיי האבן זיך געגרייט און מיר האבן קוים געקענט ווארטן צו זעהן וואס וועט זיך אפשפילן.

ענדליך איז אנגעקומען די ערווארטעטע טאג מיטוואך מיר האבן קוים געקענט עסן אונזערע מיטאג פון גרויס איבערראשונג, גלייך דערנאך זענען אלע כיתות פון קינדערגארטן אריינגעגאנגען אין איין כיתה.

דארט איז געווען צוגעגרייט א גאנצע סצענע, א געטשקע געשעפט מיט אסאך געטשקעס Balloons נאכדעם האבן מיר צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס ווי מענדל טעשער שטילט איין דעם עולם און די שפיל הייבט זיך אן.




דער אלטע תרח האט איבערגעלאזט אברם אין זיין געשעפט פון געטשקעס, אברם האט געוואוסט אז די געטשקעס זענען גארנישט ווערד, האט ער גענומען א גרויסע האק און אויסגעשריגן "עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די גאנצע וועלט, און נאר צו אים דארף מען דאווענען!" דערנאך האט ער צוקראכט אלע געטשקעס פאר איינעם אראפגענומען די נאז פאר א צווייטע די אויער...

נאדעם האט ער אריינגעשטעלט דער האק אין די גרויסע געטשקע'ס האנט.

ווען די אלטע תרח איז צוריקגעקומען האט ער געכאפט א שאק, און זעהנדיג וואס אברם האט געטוהן האט מען אים צוגעבינדן און אריינגעווארפן אין קאלעך אויוון.

יעצט זענען מיר געווארן דערשראקן וואס וועט ווייטער זיין? מיר האבן נישט געדארפט ווארטן צו לאנג צו זעהן אז די פייער האט נאר פארברענט די שטריקן פון אברם און אים גארנישט ווייי געטוהן.



פון אינעווייניג האט ער אויס געשריגן "איר זעהט איך בין געבליבן לעבן עס איז דא נאר איין באשעפער אויף די וועלט!"

מיר אלע האבן אויסגעבראכן אין א הויכע געזאנג – "האטס אמונה אין בורא כל עולמים" עס איז אריין און אונזערע ביינער!

אבער עס האט זיך נישט געענדיגט דא!!

מ'האט ווייטער אפגעשפילט די מעשה:

**שרה אין די קאסטן**

מיר האבן צוגעזעהן ווי אברם און לוט (ליפא שרייבער) קומען אן צום גרעניץ פון מצרים האלטענדיג א גרויסע קאסטן, דארט איז געשטאנען צווי שטרענגע פאליציי (משה יוחנן הורוויץ און שלמה נח פערלמוטער), זיי האבן הויך געבעטן "פאספארט פליז" נאכן ווייזן אן אמת'ע פאספארט האבן די פאליציי געפרעגט וואס ליגט אין די קאסטן האט אברם געזאגט "נאש...."

זיי האבן נישט געגלייבט און אין א העכערע קול אויסגעפרעגט "וואס ליגט דא?"

זעהנדיג אז זיי באקומען נישט קיין געהעריגע ענטפער, האבן זיי געעפנט די קאסטן עס האט זיי אפגעווארט אן איבערראשונג זיי קוקן אריין און זעהן דארט שרה (משה פישער) ליגט דערין זיי האבן איר שנעל ארויסעשלעפט און געפירט צו די קעניג.






דא האט זיך די שפיל געענדיגט

מיר האבן אלע אויסגערופן "א גרויסן יישר כח "

עס איז געווען א פעסטע show עס איז געווארן קלארער די בילד פון די סדרה.

מיר ווארטן מיט גרויס אינטערעסע פאר נעקסטע וואך צו זעהן וואס וועט זיך ווייטער אפשפילן.

## מעסעדזש פון די וואך

# לכבוד די חשובע עלטערן שיחי"ו

ווי איר זעהט שיקן מיר אהיים יעדע וואך א מצוה צעטל.

די סיבה דערצו איז צוויי פונקטן:

א) עס איז זייער וויכטיג פאר א קינד צו קומען אין חדר מיט א מצוה צעטל כאטשיג איינמאל א וואך, דאס גיבט אים שטארקע קאראזש אויף ווייטער, ווען ער זעט ווי די רבי ליינט עס פאר הויך פאר אלע קינדער, און מען אנערקענט זיין הצלחה און מען ערווארט עס אויף ווייטער.

ב) עס איז נישט גוט אז א קינד זאל ברענגען צי אפט א מצוה צעטל, (פאר יעדע קלייניקייט), ווייל עס פארלירט די חשיבות דערפון, עס איז ראטזאם צו שיקן בערך 1 מאל א וואך א שיינע תוכן'דיגע מצוה צעטל, חוץ ווען א קינד האט געטוהן א גאר חשוב'ע זאך (וואס קומט אן שווער) ווי למשל זיך צובראכן א מדה וכדומה...

השי"ת זאל העלפן עס זאל טאקע האבן די ריכטיגע השפעה און איר זאלט זעהן אסאך נחת

**ביטע אויפשרייבן די נעמען פון די קינדער נישט נאר אויף די מאנטלן, נאר אויך אויף די היטן שאלען הענטשעך, און סעטשולס עס זאל נישט פארלוירן גיין און די רבי זאל וויסן וועמענס דאס איז.**

## מזל טוב וואונטשן

### ברכת מזל טוב חמה ולבבית

פון טיפן הארצן וואונטשן מיר אן הערצליכן מזל טוב
פאר דעם חשוב'ן איבערגעגעבענע מלמד

**הרה"ח ר' דוד לייב אקער שליט"א**

לכבוד די בר מצוה פון זיין זון כמר אברהם נ"י

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט איהם מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים און איר זאלט שטענדיג זעהן רב תענוג ונחת פון אלע אייערע קינדער מיט השפעות לרוב מתוך הרחבת הדעת אכי"ר.

**ווי עס וואונטשן אלע מלמדים און אייערע תלמידים**

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**מנחם מניס פישער**

לכבוד זיין נייע שוועסטער

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי ר' אברהם אלי' פרידריך שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**בנימין טעשער**

לכבוד זיין נייע שוועסטער

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי ר' ישעיהו שטיינבערג שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**עזריאל גליק**

לכבוד זיין אפשערן

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי ר' אברהם קרויס שליט"א און ר' משה ארי' פערלמאן שליט"א

### ברכת מזל טוב

פאר הילד

**מרדכי פינקלשטיין**

לכבוד זיין אפשערן

ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען

ביי ר' אברהם קרויס שליט"א און ר' משה ארי' פערלמאן שליט"א